דבר מלכות לנוער

# ניט שרעקן זיך פון די גאולה

## לויט 'דבר מלכות' ש"פ אחרי-קדושים ה'תנש"א

### ווי אַזוי גרייטמען זיך צו?

אַלס אַ פאָרזעצונג צו די רייד פון דער רבי מלך המשיח שליט"א אין כ"ח ניסן "עשו כל אשר ביכולתכם להביא את משיח צדקנו בפועל ממש" (טוט אַלץ וואָס איר קענט צו אַראָפּברענגען משיח צדקנו בפועל ממש), קומט דער רבי אין אַ ספּעציעלע שיחה וואָס די גאַנצע שיחה האַנדלט אין דעם ענין פון גאולה, און ערקלערט וואָס דאַרפמען טאָן צו אַראָפּברענגען די גאולה בפועל.

און אַזוי עפנט דער רבי מלך המשיח שליט"א די שיחה:

**אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָס עס רעדט זיך לאחרונה וועגן דער גאולה האמיתית והשלימה, אויף וועלכע מען וואַרט בכל יום און מ'האָפט אַז תבוא בכל יום . . תיכף ומיד ממש, און וועגן די פעולות וואָס יעדער איד דאַרף טאָן צו ברענגען די גאולה – איז פּאַסיק צו אָפּשטעלן זיך מבאר זיין דעם אינהאַלט פון דער גאולה, וואָס דאָס מאַכט לייכטער צו פאַרשטיין אין וואָס דאַרף באַשטיין די אַרבעט וואָס פאָדערט זיך צו ברענגען די גאולה, און ווי מ'זאָל זיך צוגרייטן צו דעם מצב הגאולה.**

ווי אַזוי טאַקע וועלן מיר ברענגען די גאולה? עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאָרגעשלאָגן דעם רבי'ן צו פּראַווען תעניתים (פאַסטונגען) און אַזוי ברענגען משיח'ן. טאָמער דאַרפמען אויפהערן גיין צום אַרבעט און אַנשטאָט דעם טאָן ספּעציעלע זאַכן כדי צו ברענגען די גאולה? אָדער אפשר דורך מבצע תפילין? צי נאָר דורך קאָלערונגען אין שניי וועט מען ברענגען משיח'ן...

עס קענען זיין אַסאַך געדאַנקען, אָבער אַז מיר וועלן וויסן גענוי וואָס איז די גאולה, וועלן מיר וויסן אויך ווי אַזוי פּאַסט צו גרייטן זיך פאַר איר.

אַלע ווייסן אַז אַ חתונה צום ביישפּיל איז זייער אַ פריילעכע פּאַסירונג, דערפאַר ווייסן מיר אויך וועלכע צוגרייטונגען פּראַוועט מען פאַר איר. מען לאַדט איין אַ מוזיק, מ'נייט פייערלעכע קליידער, און מ'לאַדט איין די פריינדן צו פייערן צוזאַמען מיט אונז. אַ שפּאַציר אין נאַטור-שויס איז אויך אַ פיינע איבערלעבונג, אָבער צו אַ שפּאַציר וועלן מיר נישט אָנגרייטן קיין מוזיק און אויך נישט קיין שיינע קלייד. מיר וועלן אָנגרייטן נאָר אַ טאָרבע מיט די פּאַסיקע פאַרזאָרגונגען. ווייל מיר ווייסן אַז צו יעדער זאַך דאַרפמען זיך צוגרייטן אַנטשפּרעכנדיק צו דאָס וואָס גייט געשעען.

אַז מיר וועלן וויסן און פאַרשטיין וואָס פּונקט וועט געשעען אין דער גאולה שלימה, וועלן מיר וויסן אויך ווי אַזוי פּונקט זיך צוגרייטן צו איר.

צוליב דעם וועלן מיר אָנפאַנגען מיט אַ פראַגע:

'גולה' איז דער טייטש אַ ביטערע און אַ פינסטערע גלות, און 'גאולה' איז פּונקט פאַרקערט, פרייהייט און פרייד.

און אָט אַ וואונדער, 'גולה' און 'גאולה' זיינען כמעט דער זעלבער וואָרט. מיט אַן אונטערשייד פון בלויז איין אות אל"ף. ווי פּאַסט עס צו אַזעלכע צוויי קעגנזאַצן כמעט דער זעלבער נאָמען? ווי שטימט אַז די גאַנצע **גאולה** איז גאָר גולה?

## דוקא אונטן

עס זיינען דאָ אַזוינע וואָס מיינען אַז משיח וועט קומען און וועט אונז נעמען צו עפּעס אַ גן עדן, און מיר וועלן פאַרלאָזן אונטער אונז דער גאַנצער וועלט מיט אַלץ וואָס אין אים, די שטיבער, די געשעפטן, די שפּילונגען, און זיך נישט אומקערן צו אים אויף אייביק.

אָבער דער אמת איז אַז מיר וועלן קיין זאַך נישט אָפּלאָזן, מ'גייט נישט אַוועק פון דער וועלט. דער טייטש פון דעם וואָרט **גאולה** איז **אויסלייזונג**, דער גאַנצער וועלט בלייבט די זעלבע זאַך, ס'איז נאָר וואָס ער ווערט אַן אויסגלייזטער וועלט.

וואָס איז אַן אויסגלייזטער וועלט? ווען מענטשן וויסן נישט וואָס איז זייערער צוועק, זיי דרייען זיך צעטומלט, זיי זיינען פאַרשקלאַפט צו דער יצר הרע וואָס מאַכט זיי טאָן עבירות און טרויעריקייט. זיי פילן פאַרשקלאַפט צו די שלעכטע מענטשן וואָס געוועלטיקן אין וועלט, און קענען נישט טאָן וואָס זיי וואָלטן אין אמת'ן געוואָלט.

אין די גאולה שלימה, אַלע וועלן וויסן אַז זייערע ציל איז צו דינען דעם אויבערשטן, אַלע וועלן וויסן אַז דער גאַנצער וועלט איז באַשאַפן געוואָרן כדי צו דינען דעם אויבערשטן, און יעדער מענטש וועט פילן גליקלעך און וועט דינען דעם אויבערשטן פריילעכערהייט. אַלץ וועט בלייבן פונקט דער זעלבער וועלט, אָבער אַן אויסגעלייזטער און אַ גליקלעכער וועלט.

ווייל "נתאווה הקב"ה להיות לו דירה **בתחתונים"** (דער אויבערשטער האָט געגלוסט עס זאָל זיין פאַר אים אַ וואוינונג אין תחתונים). דעם אויבערשטנס צוועק איז צו אַנטפּלעקן זיך דוקא אין אונזערער גשמיות'דיקער וועלט, נישט אין גן עדן און נישט אין הימל. דוקא אין דער גשמיות'דיקער וועלט ווי מיר קענען אים.

דעריבער האָט ער געשיקט די נשמה למטה. מ'קען נישט זיצן אין גן עדן און ברענגען די גאולה, די נשמה דאַרפט אָנצוקומען אין אונזער וועלט, זיין אין אַ גוף, מקיים זיין מצוות אין דער וועלט. דוקא אַזוי וועט קומען די גאולה.

דעריבער ווען משיח וועט זיך אַנטפּלעקן, וועט ער נישט קומען אין גן עדן און אויך ניט אין אצילות. משיח וועט זיך אַנטפּלעקן דאָ צו אונז, און דאָ וועט ער אויפבויען דעם בית המקדש און וועט מחי' זיין די מתים. ווייל דער אויבערשטער וויל אַ דירה דוקא אין אונזער וועלט.

און דער רבי מלך המשיח שליט"א ערקלערט נאָך:

**דער אויפטו ושלימות פון גאולה האמיתית והשלימה איז, אַז אַלץ ווערט אויסגלייזט. קיינע ענינים בלייבן ניט "פאַרלאָרן" חס ושלום אין גלות, מ'וועט קיין זאַך ניט איבערלאָזן אין גלות. אפילו די "נדחים" און "אובדים" – וועלן נגאל ווערן. די גאולה וועט זיין אַן אמת'ע און פולקאָמענע גאולה בכמות ובאיכות פון אַלע זאַכן, פון דעם כלל גדול בהם ביז דעם פרט שבפרט שבהם: יעדער איד און אלע אידן – "בנערינו בזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו", און אויך חלקם בעולם – "כספם וזהבם אתם", מיט אַלע זייערע פעולות און אויפטועכצן אין גלות. די גאולה וועט אויסלייזן יעדער מענטש און אַלע מענטשן (אויך אומות העולם) און אַלע עניני העולם, און יעדערן בפרט עם כל עניניו.**

## ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך!

איז וואָס לערנען מיר דערפון:

עס זיינען דאָ ערוואַקסענע מענשטן וואָס שרעקן זיך פון משיח'ס קומען, זיי האָבן מורא אַז אַלע זייערע געשעפטן וואָס זיי האָבן אויפגעבויט וועלן פאַרלירן זייערע ווערט, ס'איז דאָ אויך קינדער וואָס זיינען באַזאָרגט אַז אין ימות המשיח וועלן מער נישט זיין קיין שפילונגען. און וואָס וועלן מיר טאָן ווען משיח וועט קומען?

אָבער דער אמת איז ווי דער רבי מלך המשיח שליט"א האָט אַמאָל געזאָגט צו אַן דאָקטער, אַז טאַקע אין ימות המשיח וועלן מער נישט זיין קיין קראַנקע, אָבער ער וועט נישט בלייבן חלילה אַן אַרבעטלאָזער. ער וועט האָבן אַ ספּעציעלע אויפגאַבע – צו מודיע זיין די מענטשן אַז זיי זיינען געזונט.

קיינער וועט נישט אָנווערן פון דער גאולה, אַלע וועלן פאָרזעצן מיט זייערע ענינים, עס איז נאָר וואָס אַמאָל זיינען זיי געווען סתם געשעפטן, און איצט וועט יעדער זאַך אַנטפּלעקן דעם אויבערשטן, צום ביישפּיל, אַ געשעפט-אייגנטימער וועט נוצן זיינע פאַרבינדונגען וואָס ער האָט צו איינווירקן אויף אידן וואָס ער טרעפט זיך מיט זיי צו צוגעבן אין תורה און מצוות.

## גולה = גאולה

יעצט וועלן מיר פאַרשטיין פאַרוואָס זיינען די ווערטער גולה און גאולה אַזוי ענלעך. אַלץ בלייבט די זעלבע זאַך, נאָר איין קליינע "אל"ף" וואָס דייטעט אָן אויף 'אלופו של עולם' – דער אויבערשטער, קערט איבער די גאַנצע גולה אויף גאולה.

איצטער וועלן מיר וויסן וואָס דאַרפן מיר טאָן כדי צו אַראָפּברענגען די גאולה, ניט מיט פאַסטונגען און תעניות, אויך נישט דורך אָפּזונדערונג און טרויעריקייט. צום אַלעם ערשטן, דאַרפן מיר פשוט מקיים זיין מצוות אין גשמיות, און ספּעציעל די מצווה פון צדקה.

אין צוגאָב דערצו, נישט אויפהערן די געשעפטן אין וועלט, פאָרזעצן ווי געוויינלעך אין אַלע ענינים, און באַנוצן זיך מיט זיי און נוצן זיי כדי צו איינווירקן אויף נאָך אידן לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

**ועוד וגם זה עיקר – דורך הפצת התורה והיהדות, והפצת המעיינות חוצה. כולל ובמיוחד – צו מעורר זיין אידן בכל העולם כולו, אַז זיי זאָלן מוסיף זיין נאָכמער אין לימוד התורה וקיום המצוות, און אַזוי מפרסם ומגלה זיין בכל העולם כולו "אלופו של עולם", כולל – דורך משפיע זיין אויף אומות העולם בנוגע צו קיום שבע מצוות בני נח, און זיי צוגרייטן צו "והיתה לה' המלוכה".**

אַזוי וועלן מיר זוכה זיין זען די גאולה האמיתית והשלימה אין אונזער וועלט תיכף ומיד ממש.

•

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד.

לזכות

**כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א**

*מהרה יתגלה ויגאלנו!*

יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק

## ווילסט איבערגעבן א שיעור 'דבר מלכות' אין דיין געגנט?

**אין ארה"ק - קינדער: 5493-795 (054), אין ארה"ק - מיידלאך: 0770-646 (054),**
**אין ארה"ב: 4444-290 (718)**

עריכה: בן מנחם • הגהה רוחנית: רבנים ואנשי חינוך • הגהה לשונית: ב. נחשון • תורגם לאידיש ע"י מנחם מענדל פעלדמאן •
יו"ל במסגרת מבצע עולמי ללימוד ה'דבר מלכות'